# משיחת ש״פ יתרו תשל״ז

טו. ס׳איז דאך רגיל צו לערנען א ענין אין פירש"י עה"ה, מיט דעם דיוק אז דאס דארף זיין מובן אין פשש"מ, ומזה מובן, אז אויך די ביאורים דארפן זיין מובן בפשטות אין פשש"מ, און ווי רש"י זאגט (בראשית ג, ח; שם כד) "אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא".

ובפרשתנו איז דא א פירש"י וואס די תמיהה הכי גדולה שבו איז, אז קיינער פון די מפרשים שטעלט זיך ניט אויף דעם, וואס דאס איז אין קאפיטל יט פסוק כ׳.

רש"י שטעלט זיך אויף דעם וואס ער זאגט אין פסוק "וירד ה׳ על הר סיני", און זאגט: "יכול ירד עליו ממש ת"ל כי מן השמים דברתי עמכם מלמד שהרכין שמים עליונים ותחתונים והציען על גבי ההר כמצע על המטה וירד כסא הכבוד עליהם".

איז אין דער רש"י אינגאנצן ניט פארשטאנדיק:

א) פארוואס זאגט רש"י "שהרכין שמים עליונים ותחתונים"; וואו רעדט זיך אין פסוק וועגן "שמים עליונים ותחתונים", עס רעדט זיך דא סתם וועגן "שמים", און ווען רש"י וואלט געשריבן נאר "שהרכין שמים וכו׳" וואלט שוין אויך געווען פארענטפערט די סתירה מיטן פסוק "כי מן השמים גו׳"?

וזאס אע"פ אז דער פירש"י איז גענומען פון מכילהא, איז דאך ווי

- גערעדט -





הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 513 הודפס ע"י אוצ

גערעדט במ"פ, אז ווען רש"י ברענגט אראפ א ענין בפירושו עה"ת, איז דאס ניט ווייל ער וויל מעתיק זיין די מכילתא וכיו"ב, נאר ווייל דאס איז פשוטו של מקרא.

ב) צוליב וואס איז רש"י מוסיף "והציען על גבי ההר"; ס'איז דאך לכאו' גענוג אז כ'זאגט "הרכין שמים כו' על גבי ההר", וואס איז מוסיף דער ענין פון "והציען"? און אויב דאס איז טאקע מוסיף אויף "הרכין" - איז פון וואנעט נעמט דאס רש"י אין פשוטו של מקרא?

ג) רש"י באגנוגט זיך ניט דערמיט וואס ער זאגט "והציען על גבי ההר", נאר ער איז מוסיף "כמצע על המטה". איז דאך ניט מובן צוליב וואס דארף דאס רש"י מוסיף זיין?

ד) דערנאך איז רש"י מוסיף: "וירד כסא הכבוד עליהן", און אויך דא איז די שאלה: "כסא הכבוד" מאן דכר שמי'?! עס רעדט זיך דאך דא וועגן "וירד ה' גו'", און ווי קומט דא אריין דער "כסא הכבוד"?

טז. דער פסוק וואס רש"י ברענגט "כי מן השמים דברתי עמכם", איז דאך אויך אין אונזער פרשה (כ, יט), און אויך דארטן שטעלט זיך רש"י אויף דער סתירה, אע"פ אז ער האט איר לכאו' שוין פארענטפערט ביים ערשטן פסוק, און נאכמער: רש"י לערנט דארטן באופן אחר ווי ער לערנט דא:

רש"י זאגט "וכתוב אחד אומר וירד ה' על הר סיני", און ענטפערט "בא הכתוב השלישי והכריע ביניהם מן השמים השמיעך את קולו ליסרך ועל הארץ הראך את אשו הגדולה (ואתחנן ד, לו) כבודו בשמים ואשו וגבורתו על הארץ". דערנאך איז רש"י מוסיף: "ד"א הרכין שמים ושמי שמים והציען על ההר ובן הוא אומר ויט שמים וירד".

דארף מען פארשטיין כאמור, פארוואס לערנט רש"י דארטן ניט ווי ער לערנט דא?

- אין מכילתא איז קיין קשיא ניט פארוואס שטייען צוויי פירושים, ווייל דארט קען מען זאגט אז דאס זיינען צוויי באזונדערע תנאים, און ב'זעט טאקע אין מכילתא (עה"פ כי מן השמים) אז דאס זיינען צוויי תנאים וואס יעדעדער זאגט אן אנדער פירוש;

אבער רש"י איז דאך איין מחבר, וואס עניינו איז פשוטו של מקרא, איז ווי קומט דאס אז דארטן זאגט רש"י דעם פי' "הרכין כו'", אלס א צווייטן פי', און דא אויף "וירד גו'" (איז ניט נאר וואס ער ברענגט דעם פי' אלס פי' ראשון, נאר ער) ברענגט אינגאנצן ניט קיין אנדער פי', ד.ה. אז פשש"מ דא איז "הרכין כו'".

אויך דארף מען פארשטיין:

דאס וואס רש"י זאגט ניט דארטן אין צווייטן פי' אז דאס איז געווען "כמצע על המטה", קען מען זאגן אז דאס איז ווייל ער פארלאזט זיך אויף דעם וואס ער האט דאס שוין מפרש געווען דא; עס איז אבער שווער לאידך גיסא: רש"י ברענגט דארטן א פסוק אלס ראי': "וכן הוא אומר ויט שמים וירד" - איז ממה נפשך: אויב מ'דארף האבן א ראי' פון א פסוק, האט עס רש"י געדארפט ברענגען אויך דא; און אויב מ'דארף ניט - איז פארוואס ברענגט ער עס דארטן?

יז. בוסף להנ"ל איז אויך דא נאך א דיוק אין ביידע פסוקים, וואס בכלל שטעלן זיך ניט מפרשים אויף אזעלכע דיוקים, אבער דער טאטע קאכט זיך אין דעם בב"מ:

- בכלל -



הנחה הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 514 הודפס ע"י אוצ

בכלל איז דאך חלוקה הפסוקים א דבר בדויק, ווי די גמ׳ (מגילה כב, א) זאגט "כל פסוק דלא פסקי׳ משה אנן לא פסקינן לי׳". וואס דאס איז דאך נוגע להלכה בכמה ענינים, אזוי ווי בשעת ס׳טרעפט זיך א פסול אין א ס"ת בשעה קרה"ת, איז פאראן א נפק"מ וויפל פסוקים מען האט שוין געליינט פריער. ווי ס׳ברענגט זיך אראפ אויך אין שו"ע (או"ח סקמ"ג ס"ד).

אוצר החכמה

עד"ז איז אויך דא די נפק"מ אין הל׳ קדושין (לויט דער שיטה) אז "המקדש את האשה על מנת שאני קריינא כיון שקרא ג׳ פסוקים בביהכ"נ הרי זו מקודשת" (קדושין מט, א), איז דאך א נפק"מ צי דאס איז ג׳ פסוקים צי ניט, ועד"ז בנוגע צו נאך כמה דינים.

בנוגע צו חלוקת הקאפיטלאך, איז דאך דא אין דעם א ספק ווער ס׳האט דאס געמאכט וכו׳ - אבער אעפ"כ זעט מען דאך אז גדולי ישראל במשך כמה דורות האבן זיך גענוצט מיט דער חלוקת הקאפיטלאך, און דאס איז געווארן א מנהג ישראל.

ולפי"ז איז דא א דיוק אין די ביידע פסוקים "וירד ה׳ על ה"ס", און "כי מן השמים דברתי עמכם" - אז דער ערשטער פסוק איז אין קאפיטל יט פסוק כ׳, און דער צווייטער פסוק איז אין קאפיטל כ׳ פסוק יט. וכפי שיתבאר לקמן.

ב. אין דעם פירש"י אויף "וירד ה' על הר סיני", איז פאראן נאך אן ענין הדורש ביאור:

דער דרך פון רש"י'ן איז דאך, צו מפרש זיין בלויז ענינים פון פשוטו של מקרא אויפן ארט. און רש"י ברענגט ניט קיין קושיות וואס ווערן פון אנדערע ערטער, ווייל רש"י'ס ענין איז צו פארענטפערן פשש"מ אויפן ארט במובן.

ולפי"ז איז ניט מובן פארוואס שטעלט זיך רש"י אויף דער סתירה פון "וירד ה' על הר סיני" מיט "כי מן השמים דברתי עמכם" שוין אין דעם פסוק "וירד ה' על הר סיני", דער בן חמש למקרא האט נאך ניט געלערנט דעם פסוק "כי מן השמים גו'", ובמילא איז ביי אים ניטא קיין שאלה אין דעם פסוק – איז וואס איז מכריח רש"י'ן צו אראפברענגען גלייך דא די סתירה פון א קומענדיקן פסוק?

ובנוסף לזה וואס דער כלל הנ"ל (אז רש"י איז מפרש אן ענין בלתי מובן אין פסוק נאר דארטן וואו דאס איז מוכרח אין פשש"מ, און ניט פריער) איז דאס א דבר המובן – איז אויב מ'וועט דאס ניט אננעמען, ווערן בוקשה כמה פירושי רש"י:

אנהויבנדיק גלייך פון אנהויב פ' בראשית, וואס אויפן פסוק "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ" זאגט ניט רש"י אז דער ווארט "את" קומט לרבות תולדותיהם פון שמים וארץ; ערשט מיט עטליכע פסוקים שפעטער (א. יד), וואו עס ווערט מוכרח צו לערנען אז ביום ראשון זיינען באשאפן געווארן שמים וארץ ותולדותיהם – זאגט רש"י "את השמים לרבות תולדותיהם ואת הארץ לרבות תולדותי'".

- וואס -



הנחה בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 516 הודפס ע"י אוצ

וואס לפי"ז איז ניט מובן (באמור) וויאזוי איז רש"ן'ן שווער אין דעם פסוק "וירד ה' על הר סיני", אז ער מוז גלייך ברענגען די סתירה פון "כי מן השמים דברתי עמכם"?

לכאו' וואלט מען געקענט זאגן, אז רש"י קומט באווארענען א קושיא וואס דער בן חמש למקרא וועט פרעגן אויף דעם פסוק "וירד ה' גו'": ווי קען אזא גרויסער אויבערשטער אראפקומען אויף א בארג?

באמת איז דאס אבער ניט אויסגעהאלטן, וויבאלד: א) די קושיא ווערט ניט פארענטפערט אויך לפי פירש"י אז "הרכין שמים כו'", ב) דאס איז ניט קיין קשיא ביים בן חמש למקרא, ווארום ער געדיינקט דאך וואס ער האט געלערנט בנוגע צו מכת בכורות, אז דער אויבערשטער האט געזאגט (בא יב, יב) "ועברתי בארץ מצרים בלילה הזה והכיתי גו'", און "ופסחתי עליכם גו'" (שם יג), ד.ה. אז דער אויבערשטער אליין איז אריין אין מצרים, און נאכמער: אין א בית פון א מצרי -

און אעפ"כ האט אים רש"י גארניט מפרש געווען (ווי קען דער אויבערשטער אריינקומען אין א בית פון א מצרי) - ווייל דער בן חמש למקרא פארשטייט אז אויפן אויבערשטן איז ניט שייך צו פרעגן קיינע שאלות פונקט ווי ער קען זיין "בשמים", קען ער זיין "בארץ", און "בביתו של מצרי", און ס'איז ניט שייך צו פרעגן ווי קען דאס זיין.

ביז מען דאך זאגן אז ס'איז דא אן ענין גלייך אויפן ארט וואס ווארפט אריין א ספק, אז אפשר איז דער פי' פון "וירד" ניט כפשוטו *).

כא. די הסברה אין דעם וואס רש"י שרייבט בתחלת פירושו "יכול ירד עליו ממש", אע"פ אז בכלל איז רש"י'ס דרך צו אנהויבן גלייך פון דער מסקנא, ניט ברענגענדיק די קושיא וכו' - איז דער ביאור בזה:

נוסף לזה וואס דער פי' הפשוט פון דעם פסוק "וירד ה' על הר"ס" איז אז "ירד עליו ממש" - קומט דא נאך צו א הכרח פון בהמשך הפרשה: נאך דעם וואס "וירד ה' על הר"ס" האט דער אויבערשטער געזאגט משה'ן "רד העד בעם פן יהרסו אל ה' לראות . . יתקדשו פן יפרץ בהם ה'" (יט, כא-כב), און דערנאך האט משה געזאגט "לא יוכל העם לעלות אל הר סיני . . הגבל את ההר וקדשתו" (שם כג), ד.ה. אז דער בארג אליין האט באקומען א קדושה -

וואס דערפון איז מובן אז פשוטו של מקרא איז "ירד עליו ממש", וואס דערפאר האט דער בארג אליין באקומען א קדושה - זאגט אבער רש"י "יכול ירד עליו ממש", דאס הייסט ס'איז בקום לספק. אז אפשר איז ניט "ירד עליו ממש" -

און אויף דעם זאגט רש"י "ת"ל כי מן השמים דברתי עמכם מלמד שהרכין שמים עליונים והתחתונים כו'", ד.ה. אז וויבאלד ס'שטייט "כי מן השמים דברתי עמכם", איז דאס מכריח צו זאגן אז ס'איז ניט געווען "ירד עליו ממש".

כב. די הסברה בזה וואס רש"י זאגט "הרכין שמים העליונים והתחתונים" - איז:

בשעת דער בן חמש למקרא וועט לערנען אז דער אויבערשטער "הרכין שמים" גלייך אויף הר סיני. וועט אויסקומען א מאדנע זאך, אז גלייך פון "שמים" איז ער געקומען צו הר סיני - עס לייגט זיך ניט צו זאגן אז גלייך נאך שמים קומט הר סיני?

- אויף -

----------

*) דביאור בזה - ראה שיחת ש"פ משפטים.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 517 הודפס ע"י א

אויף דעם זאגט רש"י אז ס'איז טאקע ניט געווען אין אן אופן אז פון שמים איז דער אויבערשטער אראפ גלייך אויף הר"ס, נאר ס'איז געווען "שמים העליונים והתחתונים", ווארום נוסף לזה וואס "שמים" איז ע"ש "שא מים בו' אש ומים" (פירש"י בראשית א, ח), איז שמים אויך לשון רבים, ד.ה. אז ס'איז דא כמה שמים "עליונים והתחתונים", ובזה גופא - זאגט מען ניט שמים עליון והתחתון, נאר שמים "עליונים" לשון רבים, און "התחתונים" לשון רבים.

וואס עפי"ז איז פארשטאנדיק'אז דער אויבערשטער איז ניט בעקומען גלייך פון שמים אויף הר סיני (וואס דאס איז דאך א זאך וואס לייגט זיך ניט בנ"ל), נאר פריער איז ער דורכגעגאנגען "שמים עליונים והתחתונים", און ערשט דערנאך איז ער אראפגעקומען אויף הר סיני.

- בשעה דער אויבערשטער איז געקומען אין מצרים לביתו של מצרי וכו' - ווערט דאך דארט ניט דערמאנט ווי אזוי ער איז געקומען אין מצרים (הרכין שמים וכיו"ב), במילא דארף מען ניט באווארענען אז ס'איז דורכגעגאנגען דורך "שמים עליונים והתחתונים"; משא"כ דא וואס רש"י זאגט אז דער אויבערשטער איז אראפגעגאנגען אויף הר סיני דורך דעם וואס "הרכין שמים" - מוז ער באווארענען אז דאס מיינט "עליונים והתחתונים".

כג. ע"פ הנ"ל - אז כללות הפרשה איז מכריח אז ס'איז געווען א קדושה אויפן הר - ווערט מען פארשטיין פארוואס רש"י באגנוגנט זיך ניט דערמיט וואס ער שרייבט "הרכין שמים העליונים ותחתונים", נאר ער איז אויך מוסיף "והציען על גבי ההר כמצע על המטה". וההסברה בזה:

לכאו' פרעגט זיך א שאלה: וויבאלד אז ס'איז געווען "הרכין שמים העליונים והתחתונים" אויפן בארג, און דער אויבערשטער איז אראפגעקומען אויף די שמים - איז פארוואס איז געווען א קדושה אויפן בארג אליין?

אויף דערויף זאגט רש"י "הציען על גבי ההר" - ער האט זיי אויסגעשפרייט אויפן בארג, און רש"י איז מוסיף "כמצע על המטה" (אזוי ווי מ'שפרייט אויס א קאלדרע אויף א בעט):

וואס דער בן חמש למקרא ווייסט דאך פון זיך אליין אז ער שלאפט אויף א בעט. אבער אזוי ווי די בעט איז הארט, קען מען דאך ניט שלאפן אויף איר, שפרייט מען אויס א קאלדרע וכיו"ב, כדי ער זאל קענען איינשלאפן -

איז בשעת מ'פרעגט ביי אים וואו שלאפט ער, זאגט ער אז ער שלאפט אויף א בעט, פרעגט מען אים: היתכן? דו שלאפסט דאך אויף א קאלדרע? - נאר ווארען, די קאלדרע איז "בטל" צו די בעט.

ומזה מובן אויך בעניננו: אע"פ אז "הרכין שמים וכו'", איז דאס אבער ניט געווען ווי א "פלאר", א "עבאדעט" אויפן בארג, נאר "הציען על ההר כמצע על המטה", ד.ה. אז די שמים זיינען געווען בטל צום בארג אזוי ווי א מצע איז בטל צו דער מטה - און דעריבער איז געווען א קדושה על ההר.

כד. דערנאך איז רש"י מוסיף "וירד כסא הכבוד עליהם". וההסברה בזה:

דער בן חמש למקרא געדיינקט נאך פון אנהויב בראשית, אז רש"י טייטשט אפ אויפן פסוק "ורוח אלקים מרחפת על פני המים" (א, ב), אז דאס גייט אויף דעם "כסא הכבוד". און ער פארשטייט אז א כסא פון סתם א מענטשן הייסט כסא סתם: אין א כסא פון אן אדם מכובד, א דבר מכובד וכו' - ווערט אנגערופן "כסא דכבוד".

וואס איז דער ענין פון א "כסא"? - ווייסט דער בן חמש למקרא פון

- זיך -



הנחה הח' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 518 הודפס ע"י א

זיי אליין אז ס׳איז דא אמאל וואכ ער גייט; ס׳איז דא אפי׳ ווען ער שטייט אויף אן ארט - אבער דאס איז ניט בהתיישבות ובקביעות. ווען איז ער בהתיישבות ובקביעות - דוקא בשעת ער זיצט אויף א כסא, ד.ה. אז "כסא" באווייזט אויף דעם ענין פון התיישבות וקביעות.

דערפון איז אויך מובן בנוגע צו כסא הכבוד: בשעת ס׳איז געווען "רוח אלקים מרחפת על פני המים", און ס׳איז געווען באופן של קביעות, ווארום ס׳איז געווען בתחלת ברה"ע - רופט מען דאס מיטן נאמען "<u>כסא</u> הכבוד".

ועד"ז אויך בנדו"ד: דער ענין פון "וירד ה׳ על הר סיני", איז דאך אן ענין וואס איז בקביעות, ווארום דער ענין פון מ"ת (וירד ה׳ על ה"ס) איז דאך אן ענין של קביעות אויף אלע דורות, און מ׳זאגט צום בן חמש למקרא אז וויבאלד ס׳איז געווען דער ענין פון מ"ת, דארף ער <u>איצטער</u> מקיים זיין תומ"צ - איז וויבאלד אז דאס איז אן ענין של קביעות וכו׳, דערפאר ברענגט רש"י דעם ענין פון "<u>כסא</u> הכבוד" (שענינו קביעות והתיישבות).

משא"כ בשעת דער אויבערשטער איז געקומען אין מצרים צוליב דעם ענין פון מכת בכורות, איז דאך דארטן ניט שייך צו זאגן אז ס׳איז געווען באופן של קביעוה, נאר ס׳איז געווען מערניט ווי איין מאל, צוליב מכת בכורות - דערפאר ווערט דארטן ניט דערמאנט דער ענין פון "<u>כסא</u> הכבוד".

כה. ווען ס׳קומט אבער צו דעם פסוק "אתם ראיתם כי מן השמים דברתי עמכם", וואס בהמשך הפסוקים דארטן איז מוכח אז ס׳איז נוגע די הדגשה אז דאס איז "מן השמים" דוקא, ווארום דער פסוק קומט דאך אלס הקדמה צום פסוק שלאח"ז "לא תעשון אתי גו׳" -

וואס אלס הקדמה לזה זאגט ער "אתם ראיתם כי מן השמים דברתי עמכם", ווי רש"י איז מפרש אויף "אתם ראיתם" - "יש הפרש בין מה שאדם רואה למה שאחרים מסיחין לו כו׳", און דערנאך זאגט ער "כי מן <u>השמים</u> דברתי עמכם", וואס דא איז נוגע די הדגשה אז ס׳איז געווען "מן השמים" דוקא (ניט דער ענין פון גשמיות און <u>הר</u> סיני), כדי אז ס׳זאל זיין די יראה פון דעם אויבערשטן, במילא וועט דאס פועל׳ן אז "לא תעשון אתי גו׳".

דעריבער לערנט דארטן רש"י בפירושו הראשון, אז "כבודו בשמים", און מערניט ווי "אשו וגבורהו", איז "בארץ", ווייל דארטן איז נוגע די הדגשה אז דאס האט א שייכות מיט "שמים" דוקא.

דער פי׳ אליין איז אבער ניט גלאטיק, ווייל: א) עס איז דאך פארט דא א הכרח פון דער פרשה פון "וירד ה׳ על ה"ס גו׳" אז דער הר אליין האט געהאט א קדושה אין זיך, ב) בכלל לייגט זיך ניט צו זאגן אז "וירד <u>ה</u>׳ על ה"ס" מיינט דאס בלויז "אשו וגבורתו"?

דעריבער ברענגט רש"י דעם צווייטן פי׳ אז "הרכין שמים ושמי שמים *) והציען על ההר".

דערביי שרייבט <u>ניט</u> רש"י אז דאס איז "כמצע על המטה"- און דאס איז בדיוק (אף שי"ל שסומך על מ"ש לפנ"ז): אין דעם פסוק (כי מן השמים גו׳) איז דאך (אויך לויטן צווייטן פי׳) די הדגשה אויף "מן השמים" דוקא. במילא קען מען ניט זאגן "כמצע על המטה", אז די שמים זיינען טפל להר, ווארום דא איז דאך די הדגשה און דער עיקר - דער ענין פון שמים דוקא; אעפ"כ זאגט ער אבער "והציען", וואדום דערפאר איז געווען קדושת ההר.

----------

*) ובזה יובן מה ששינה רש"י כאן ממ"ש (עה"פ "וירד ה׳ על ה"ס") "שמים עליונים ותחתונים", וכותב "שמים ושמי השמים" (שהוא ל׳ הכתוב (דברים י, יד. ועוד) - שצריך פי׳ "שמים עליונים ותחתונים") - כי בנוגע ל"כי מן <u>השמים</u>", נוגע שמים ושה"ש, משא"כ בנוגע ל"<u>וירד</u> ה׳ על הר סיני" - נוגע עליון ותחתון.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 519 הודפס ע"י או

אוצר החכמה

-יעבולס ווערט אבער די קאלה ממה נפשך: אויב דאס איז אין שמים, האט דאס גיט קיין שייכות מיט "הרבין כו׳ והציען על ההר"; און אויב דאס איז "בארץ", איז דאך דאס ניט "מן השמים"?

אויף דעם ברענגט רש"י די ראי׳ פון דעם פסוק "ויט שמים וירד", וואס דערפון ווייסט מען אז ס׳איז דא אן ענין וואס די שמים בלייבן שמים, זיי שטייען אבער אין אן אופן פון "ויט שמים <u>וירד</u>".

אוצר החכמה

איז בשעה כ׳לערנט דעם פסוק "וירד ה׳ על הר סיני", וואס דארטן איז דאך בפשט אז דער בארג אליין האט געהאט א קדושה - זאגט דארטן רש"י אז די שמים זיינען געוועז בטל צום הר "במצע על המטה"; משא"כ בשעת מ׳קומט צום פסוק "כי מן <u>השמים</u> דברתי עמכם", וואס דארטן איז דאך די הדגשה אז ס׳איז געוועז "מן השמים" דוקא - פארריכט רש"י דעם פי׳ אין "וירד ה׳ על הר סיני", אז די שמים זיינען <u>ניט</u> געוועז בטל צום בארג, נערגיט ווי "ויט שמים <u>וירד</u>". און ס׳איז ניט קיין סתירה צווישן די פסוקים, נאר בכל מקום איז רש"י מדגיש וואס איז מדגיש פשש"מ דפסוק זה *)

משיחת ש״פ משפטים תשל״ז

טז. בהמשך וזאס מ'רעדט וועגן פירוש רש"י, איז כאן המקום צו מסיים זיין במה עבינים וואס מ'האט ניט גערעדט אין פרש"י דשבת שלפנ"ז.

וואס דאס איז וואס רש"י שטעלט זיך אויפן פסוק (יט, כ) "וירד ה' על הר סיני" און זאגט "יכול ירד עליו ממש ת"ל כי מן השמים דברתי עמכם מלמד שהדביק שמים העליונים ותחתונים והציען על גבי ההר כמצע על המטה וירד בכסא הכבוד עליהם".

האט מען דאך געפרעגט: דער דרך פון פירש"י ע"פ פשש"מ איז דאך אז ער שטעלט זיך אפ אויף א שאלה ערשט דעמולט ווען זי ווערט נתעורר - איז פארוואס ברענגט רש"י די סתירה פון דעם פסוק "כי מן השמים דברתי עמכם" אין זיין פי' אויף "וירד ה' על ה"ס"? ובפרט אז ווען ס'קומט צום פסוק "כי מן השמים דברתי עמכם", שטעלט זיך רש"י נאכאמאל אויף דער סתירה, און זאגט אן אנדער פירוש (ווי גערעדט דעמולט דעם ביאור בזה).

מוז מען דאך זאגן, אז רש"י האט א הכרח פון די פסוקים דא גופא - אין דער פרשה פון "וירד ה' על ה"ס" - אז מ'קען ניט לערנען אז "ירד עליו ממש"; אבער לפי"ז ווערט דאך שווער: וואס דארף רש"י ברענגען דעם

- פסוק -



הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 541 הודפס ע"י אוצ

פסוק "מן השמים דברתי עמכם", בשעה ער האט א הכרח פון די פסוקים דא גופא?

דעריבער מוז מען זאגן אז אין פשש"מ דא איז ניטא קיין הכרח גמור צו מוציא זיין דעם מקרא פון פי' הפשוט אז "ירד עליו ממש"; ס'איז מערניט וואס דאס איז מטיל א ספק אין דעם ענין - און דעריבער זאגט רש"י "יכול ירד עליו ממש" (כפשש"מ), ד.ה. ס'איז א ספק בדבר. און בכדי צו פותר זיין דעם ספק ברענגט רש"י א ראי' פון א שפעטערדיקן פסוק - "ת"ל כי מן השמים דברתי עמכם", וואס דאס איז מכריח צו זאגן אז ס'איז ניט ירד עליו ממש.

יז. דער ספק וואס ווערט אז אפשר דארף מען זאגן אז ס'איז ניט געווען "ירד עליו ממש" - איז דאס פון א קושיא אין א פסוק שלפנ"ז:

עס שטייט אין פסוק (יט, יח) "והר סיני עשן כולו מפני אשר ירד עליו ה' באש גו'". פרעגט זיך די שאלה: מ'ווייסט דאך אז ווען דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו משה'ן מתוך הסנה איז געווען "והנה הסנה בוער באש" (שמות ג, ב), איז פארוואס האט דער בארג ניט געברענט *) מערניט ווי "והר סיני עשן **) כולו"?

לכאו' וואלט מען געקענט ענטפערן אז ביים סנה האט דער אויבערשטער געוואלט ס'זאל זיין אין אן אופן פון "בוער באש", משא"כ דא האט ער געוואלט ס'זאל זיין מערניט ווי "עשן כולו" - אבער בפשטות לייגט זיך מערער צו זאגן אז ס'איז געווען באופן טבעי.

און דערפאר ווערט א ספק אז אפשר איז ניט געווען "ירד עליו ממש" - וואס דעמולט וועט זיין פארשטאנדיק פארוואס האט דער בארג ניט געברענט.

און דעם ספק איז רש"י פותר פון דעם פסוק "כי מן השמים דברתי עמכם", וואס דערפון איז א הכרח אז ניט ירד עליו ממש, נאר "הרכין שמים העליונים והתחתונים והציען על גבי ההר כמצע על המטה".

וואס דערמיט איז שוין מובן פארוואס ס'איז געווען בלויז "והר"ס עשן", און ניט "בוער באש" - ווייל דער אש איז געווען נאר אויף די שמים (ניט אויף דעם הר), אבער וויבאלד אז די שמים זיינען געווען על גבי ההר, איז דערפאר געווען "והר"ס עשן כולו", וע"ד בשעת מ'וועט נעמען פייער אין א עששית, און מ'וועט לייגן לעבן דעם א זאך וואס איז ניט קיין האלץ און ניט קיין דינע פאפיר, וועט זיך דאס ניט פארברענען, נאר ס'וועט גיין פון דעם עשן.

און לויט דעם איז דא נאך א הסברה פארוואס רש"י שרייבט "כמצע על המטה", נוסף להמדובר בשבת שלפנ"ז - ווייל אזוי ווי ביי א מטה, אז בשעה מ'וועט לייגן פייער אונטער די מטה, וועט דער מצע ניט ברענען, נאר

- ס'וועט -

---

*) ואף שלכאו' הי' ה"ס הר של אבנים ועפר, ואינו שייך שישרף - הרי מפורש בקרא שהי' שם גם סנה, ובפשטות - לא אחד כ"א רבים (דאל"כ גם עשן אינו שייך). אלא שברובו הי' הר סיני - של אבנים.

**) ומ"ש "וההר בוער באש עד לב השמים" (ואתחנן ד, יא) - אי"ז הכרח דבוער פי' שנראית אש (ולא רק סיבה לחום, עשן וכיו"ב, וכמש"נ (אסתר א, יב) "וחמתו בערה". וראה פרש"י בשלח טו, ח: כועס . עלה עשן . . שריפה). ושאני סנה דנאמר שתמי' "איננו אוכל".



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 542 הודפס ע"י א

אוצר החכמה



ס'וועט פון אים גיין א עשן, איז עד"ז געווען אין דעם הר, אז דער אש איז געווען בשמים, אבער וויבאלד אז די שמים זיינען געווען על גבי ההר, איז געווען "וה"ס עשן" *).

יח. די אנדערע זאך וואס מ'האט מדייק געווען, איז דאס וואס דער פסוק "וירד ה' על ה"ס" איז אין קאפיטל יט פסוק כ', און דער פסוק "אתם ראיתם כי מן השמים דברתי עמכם" איז אין קאפיטל כ' פסוק יט. וואס דאס איז דאך א דיוק וואס מפרשים שטעלן זיך ניט אויף דעם, אבער דער טאטע קאכט זיך בכמה מקומות אין דיוקים פון דעם סוג, און ער איז דאס מבאר ע"ד הקבלה והחסידות - ועד"ז בנדו"ד, קען מען זאגן די הסברה בזה ע"ד הקבלה והחסידות:

דער חילוק צווישן דעם מספר יט מיט כ' איז: דער ענין פון יט איז כמבואר אין תו"א (ו, דע"ד) ובכ"מ (ראה לקולוי"צ אגרות ע' רכב ואילך) אז דאס איז בגימט' "חוה", דער מילוי פון שם הוי' (שם מ"ה), וואס דער ענין המילוי איז דאך דער ענין פון גילוי ההעלם, וואס דאס איז ספירת המלכות;

און דער ענין פון כ' איז ספירת הכתר, כמבואר בכ"מ כמה רמזים בזה: אז "עשרים הוא גימט' כתר" (לקו"ת שה"ש לה, ג), עד"ז איז מבואר אין לקו"ת (שם יז, א) אויפן פסוק (שה"ש ב, יג) "קומי לך", אז דאס מיינט "קומי לכ"", די עלי' פון דער נשמה צום שרש הנשמה, דער "כ'" שבנשמה, וואס אין ספירות איז דאס ספירת כתר.

עד"ז איז אויך מבואר (לקו"ת אמור לד, ד. שה"ש לה, ג) די מעלה פון "אנכי" אויף "אני", אז ביי "אנכי" קומט צו דער אות כ' (כתר), וואס דאס איז מורה אויף מעלה וחשיבות - וואס דערפאר שטייט ביי מ"ת "אנכי", ועד"ז איז דאך דער אות כ' דער ראש פון תיבת כתר (לקו"ת שם. ובכ"מ).

וויבאלד אבער אז יעדער ספירה איז כלול פון אלע ספירות, דעריבער איז דא פסוק כ' אין קאפיטל יט - כתר שבמלכות, ועד"ז איז דא פסוק יט אין קאפיטל כ' - מלכות שבכתר.

איז אין דעם פסוק "וירד ה' על ה"ס" שלפני מ"ת, איז מודגש בעיקר דער ענין הירידה - "וירד ה' על ה"ס" (ניט דער ענין הגילוי), וואס דערפאר איז דאס אין קאפיטל יט - דער ענין פון מלכות; אבער וואס איז זיך מתגלה איז דאס דער ענין הכתר - כתר מלכות וואס "איהו כתר עליון" (תקו"ז בהחלתו), וואס דערפאר איז דאס אין פסוק כ' - כתר שבמלכות.

דערנאך אז מ'קומט צום פסוק "אתם ראיתם כי מן השמים דברתי עמכם", איז דארטן עיקר ההדגשה דער עילוי פון דעם ענין הגילוי - ספירת הכתר, דערפאר איז דאס אין קאפיטל כ', אבער בזה גופא איז דאך דאס דער גילוי פון כתר, ניט ווי ער בלייבט לעצמו בהעלם, וואס דערפאר איז דאס אין פסוק יט - מלכות שבכתר.

יט. וויבאלד אז "המעשה הוא העיקר", איז פארשטאנדיק אז ס'דארף זיין א הוראה אין עבודת האדם מהאמור לעיל, און וויבאלד אז "התורה היא נצחית" (תניא רפי"ז), איז פארשטאנדיק אז ס'איז דא דער ענין פון

- "וירד -

-----------------

*) ומ"ש דש"י פירושו עה"פ "וירד ה' על הר סיני", ולא עה"פ "והר סיני עשן כולו" (שמסיל הספק) - הרי"ז כבכ"מ עד"ז, עד שידעו כל הפרטים (אולי ימצא בהם תירוץ), ולכן מחכה רש"י בפירושו עד הפסוק "וירד ה' על הר סיני", דשם עיקר הסיפור בזה.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 543 הודפס ע"י או